№ 92 — פרייז 2 קאפ. — Lodzer Tageblatt.

# לאדזער טאגעבלאט

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע אוי דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 30 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס אין האכצייטס-אנצייגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע מאנוסקריפטען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רייזנער, טווארדא 23, טעל. 17-63.

אבאנעמענטס-פרייז: אין רוסלאנד: א יאהר 8 רובל א האלב יאהר 4 רובל. א פערטעל יאהר 2 רובל. א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעס: פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

20 אפריל 3 מאי 1914. — זונטאג ז' איר תרע"ד — זיבענטער יאהרגאנג

„הזמיר" דעם קומענדיגען זונטאג (פסח שני). דען 10-טען מאי וועט פארקומען אין גרויסען טעאטער
א גראנדיעזע פייערונג לכבוד
## דוד פרישמאנ'ס יובילעאום
מיט א רייכען און אינטערעסאנטען פראגראם. ◻ אויספיהרליך אין די קומענדיגע נומער'ן.
בילעטען קען מען בעקומען פון מארגען, מאנטאג, אין אין דער בוכהאנדלונג „בצלאל" (ציגעל-גאס 37) ווי אויך יעדען טאג אין דער קאסע פון גרויסען טעאטער.

וואריעטע-קאבארעט
„קאלאסעאום"
ציגעל-שטר. 16, טעל. 17-19.

פרייטאג דען 1 מאי איז פארגעקומען די ערעפנונג פון זומער-סעזאן
צווישען אנדערע אויפטריט פון דער בעריהמטען
פעפי ליטמאן
ערשטקלאסיגעס פראגראם.
קיכע, בופעט און געטרענקע אים גארטען צו בילינגע פרייזען. אינפאלס פון נישט קיין שעהנעס וועטער וועט די פארשטעלונג פארקומען אין ווינטער-לאקאל.
צור בעקוועמליכקייט פון די געעהרטע בעזוכער ווערען ארויסגעגעבען פאסע-פארטוס מאנאטליך און סעזאן-בילעטען זאכאדניא 53, צו מעסיגע פרייזען. די דירעקציאן ה. קורלאנר.
5514 2 1

מברכים אנחנו בברכת מזל טוב את חברנו מר יוסף בעזודענקי כבואו בברית האירוסין עם העלמה מ"ת
אסתר קואל
תהי' דרכם בחיים סוגה בשושנים.
צ"א ווייסמאהל ורעיתו.

דער וואונש פון לאדזער יודען איז ערפילט געווארען.
דער לאנגיעהריגער וואונש פון לאדזער יודען ס'זאל געשאפען ווערען אנ'עלעגאנטער יודישער באר, וואו זיי זאלען קענען פערברענגען מיט זייערע פריינד און פאמיליעס איז ענדליך ערפילט געווארען. דער געוואונשענער איז אהן צווייפעל
דער יודישער באר „בריסטאל" 11 זאוואדזקא 11 טעלעפאן 14-88
וועלכער ווערט היינט חידער געעפענט נאכדעם ווי ער איז פאלשטענדיג רענאווירט געווארען און פערזעהען מיט די נייעסטע איינריכטונגען לויט די לעצטער פאדערונג פון היגיענע און טעכניק. מעגליך די פרישסטע שפייזען און בעסטע געטרענקע.
5515

# דאס נייעסטע פון טאג.

## די פרייטאנ'דיגע דומע-זיצונג.

דעם פארזיץ האט געפיהרט דער דומע-פארזיצענדער ראדזיאנקא.

אויף דער טאגעסארדנונג שטעהט די פארטזעצונג פון די בעראטונגען וועגען דעם געזעץ-פראיעקט בנוגע ענדערן די געריכטס-ענטשיידונגען אין דעפארטאמענט פון סענאט.

אין דער מיניסטעריען-לאזשע געפינט זיך דער יוסטיץ-מיניסטער און זיינע צוויי געהילפען.

איינינע פונקטען רופען ארויס לעבהאפטע דעבאטען; פיעל פון זיי ווערען אנגענומען אין דער רעדאקציע פון דער קאמיסיע און איינינע מיט געוויסע פערבעסערונגען.

צום שלוס פון דער זיצונג האבען די רעפערענטען בובליקאף און ניעקראסאף איבערגעגעבען א בעריכט אין נאמען פון דער קאמיסיע פון אייזענבאהן-קאמוניקאציע, לויט דעם בעריכט דארף די טאמאשאווער באהן אויסגעבויט ווערען אויף די הוצאות פון דער רעגירונג. דער רעפערענט פון דער בודזשעט-קאמיסיע לענט דאבויא פאר צו אסיגני-רען די מיטלען אויף אייסצופארשען די אייזענבאהן-ליניעס ליובלין—זאמאשטש—טאמאשאוו—בעלטעו און זאמאשטש—בעלס.

דער געהילף פון פערקעהרס-מיניסטער שטשוקין ערקלערט, אז דאס פערקעהרס-מיניסטעריום שליסט זיך אן צו דער מיינונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע און לענט דעריבער פאר די געזעץ-פארשלאגען אנצונעהמען. די געזעץ-פארשלאגען ווערען אנגענומען.

די קומענדיגע זיצונג מארגען מאנטאג.

## געגען א יודישען גרוש.

פעטערבורג (פ.) די בודזשעט-קאמיסיע האט אנגענומען דעם געזעץ-פראיעקט, צו מאכען פון יאלטא א גראדאנאטשאלסטווא, עס זיינען אויסגעשטאנען דעבאטען וועגען דעם, צי מען זאל אריינגעהמען די פארשטאדט אלושטא אין דער גראדאנאטשאלסטווא. מארקאוו האט ערקלערט, אז ער איז מסכים צו דעם פראיעקט נאר בתנאי, אז מען זאל פון דארט ארויסשיקען די יודען. דער געהילף פון אינערן-מיניסטער האט ערקלערט, אז לויט זיין מיינונג, קען מען אלושטא איינשליסען אין דער גראדאנאטשאלסטווא און די יודען זאלען פונדעסטוועגען דארט קענען וואוינען, מיט א מעהרהייט פון 12 געגען 9 האט די קאמיסיע בעשלאסען אלושטא אריינצונעהמען אין דער גראדאנאטשאלסטווא.

## דער ערשטער מאי אין רוסלאנד.

פעטערבורג (פ.) אויף די פאבריקען און זאוואדען א חוץ איינינע קליינע פאבריקען האט מען דעם ערשטען מאי געארבייט.

ריגא (פ.) צוליעב דעם ערשטען מאי האבען געשטרייקט 44,600 ארבייטער. אין פערש-ערענע שטאדט-טיילען האבען די ארבייטער געפרובט צו מאכען דעמאנסטראציעס, וואס זענען פונאנדערגעטריבען געווארען פון דער פאליציי. אויף דער מאסקווער פאר-שטאדט האט מען דערהערט א שאס בעת ס'איז דורכגעגאנגען א מחנה פון 300 ארבייטער, אבער ס'איז קיינער נישט פערוואונדעט געווארען. מ'האט ארעסטירט 60 פערזאן צווישען זיי 23 פרויען.

# ווערא טשעבעריאק'ס פראצעס מיט'ן „קיעווליאנין"

## דער מיטארבייטער פון „קיעווליאנין" טריפאנאוו פריינעשפראכען.

### ווערא טשעבעריאקס פראצעס מיט טריפאנאוו.

קיעוו (ספ. צום „לאדז. טאגעב.") היינט (שבת) איז אין אקרוזשנאי-סוד פארגעקומען דער פראצעס פון דעם זשורנאליסט טריפאנאוו. וועלכער איז אנגעקלאגט געווארען אין געריכט דורך דער בעוואוסטער ווערא טשעבעריאק דערפאר, וואס ער האט געשריבען אין „קיעוולאנין", אז די טשעבעריאק האט אנטייל גענומען אין יושטשינסקי'ס ערמארדונג, און אז איהר וואוינונג איז געווען א נעסט פון פערברעכער.

דער געריכטס-זאל איז איבערפולט פון פובליקום. אריינגעלאזט האט מען אויף בילעטען. אויף דער בעשולדיגונגס-באנק, וואו מענדיל בייליס איז געזעסען, זיצט טריפאנאוו, דער מיטארבייטער פון „קיעוולאנין". פון סאיוזניקעס איז קיינער אין געריכטס-זאל ניטא. פון די דריי עדות, וואס מען האט ארויסגערופען, זענען געקומען פענענקא און דער זשאנדארמסקי פאלקאחניק איוואנאוו. דער דריטער, קראסאווסקי איז ניט געקומען.

אויפ'ן פארשלאג פון פארזיצענדען, אז די צדדים זאלען מאכען שלום צווישען זיך, ענטפערט די טשעבעריאק מיט שטאלץ: „איך וויל ניט, איך בין אנ'ערליכע פרוי".

קיעוו (ספ. צום „לאדז. טאגעב.") דער פאלקאווניק איוואנאוו ערקלערט, אז ער געדענקט שוין קיין זאך ניט פונדעסטוועגען בעשטעטיגט ער, אז די טשעבעריאק איז בעקאנט געוועזען מיט פערשיעדענע פערברעכער.

א סענסאציע רופט ארויס דאס עדות-זאגען פון פענענקא, וועלכער ערקלערט פאר'ן געריכט:

— איך בין איבערצייגט, אז ווערא טשעבעריאק האט אנטייל גענומען אין יושטשינסקי'ס ערמארדונג, איהר הויז איז געווען א נעסט פון נעפעהרליכע מערדער און פערברעכער.

איך בעשולדיג זי אפען, ליידער רעכענט מען זיך אבער ניט מיט מיין איבערצייגונג.

ווערא טשעבעריאק בעמיהט זיך דאן צו בעשמוצען קראסאווסקי'ן און דערצעהלט, אז ער האט עס אויף איהר אויסגעטראכט, אז זי האט אנטייל גענומען אין יושטשינסקי'ס ערמארדונג.

דעריויף ענטפערט פענענקא:

— ניט נאר קראסאווסקי איז אין דעם איבערצייגט, נאר א סך אנדערע חייסען דאס.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) נאך א בעראטונג פון א האלבע שעה האט דאס געריכט טריפאנאוו'ן פריינעשפראכען.

קיעוו (ספ. צום ל. ט.) דער פראצעס צווישען בראזול-ברושקאווסקי'ן און דער טשעבעריאקס חבר מיפלע איז אבגעלעגט געווארען.

### פיליפאוו'ס פראצעס ווערט נאכאמאל בעטראכט.

ווילנא (ספ. צום ל. טאג.) דאס יוסטיץ-מיניסטעריום האט ארויסגעפאדערט פון היעזיגען געריכט דעם פראטאקאל פונ'ם בעוואוסטען פראצעס פון דעם פראקוראר פיליפאוו, וועלכער איז מיט א צייט צוריק פער'משפט געווארען צו דריי וואכען ארעסט דערפאר, וואס ער האט געשלאגען דעם יוד סאכאל. דער פראצעס וועט בעטראכט ווערען נאכאמאל אין אנדערער געריכט. משתדל געווען וועגען דעם האט זיך זאמיסלאווסקי.

### בעפרייט דעם רעדאקטאר פון „זעמשטשינא".

פעטערבורג (פ.) דאס פעטערבורגער אקרוזשנאי סוד האט בעפרייט דעם רעדאקטאר פון דער צייטונג „זעמשטשינא" גלינקא, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען אין רכילות וואס ער האט געמאכט אויפ'ן רעדאקטאר פון די ארויסגעבער פון „ריעטש".

### סאזאנאוו'ס דעקלאראציע.

פעטערבורג (פ.) דער געהילף פון אויסערן-מיניסטער האט מיטגעטיילט די מיטגליעדער פון דער בודזשעט-קאמיסיע, אז עס איז אלערהעכסט ערלויבט געווארען דעם אויסערן-מיניסטער, ארויסצוטרעטען אין דומע מיט א דעקלאראציע וועגען דער אויסערליכער פאליטיק.

### צו דער מלחמה אין מעקסיקא

מעקסיקא (פ.) דער אויסערן-מיניסטער און זיין געהילף האבען זיך איינגעגעבען אין דעמיסיע צוליעב דעם וואס דער קאבינעט האט ניט אנגענומען דעם פארשלאג פונ'ם מיניסטער צו שיקען א קאמיסיע אויף די שלום-אונטערהאנדלונגען אין וואשינגטאן.

### א בלוטיגער קאמפף.

ניו-יארק (סס.) ביי דעם נעכטיגען קאמפף אין קאלאראדא זענען אומגעקומען ביז 20 פערזאן, דערונטער אויך א מאיאר פון דער מיליץ. די מיליץ האט געשאסען אויף די הייזער, וואו עס נעפינען זיך בלויז פרויען און קינדער.

ווי דער קארעספאנדענט פון „דיילי טעלעגראף" טיילט מיט זענען איצט אומגעקומען 75 מאן און איבער 100 זענען שווער פערוואונדעט געווארען, 250 קינדער זענען אוועקגעקומען, מען רעכענט, אז זיי געפינען זיך אין די וועלדער, וואו זיי מוזען אויסגעהן פאר הונגער. יעדען טאג קומען אלץ ווייטער פאר בלוטיגע צוזאמענשטויסען, די קאמפף-לוסטיגקייט פון די שטרייקענדע ערקלערט זיך דערמיט, וואס א גרויסע צאהל פון זיי זענען אלטע סאלדאטען און א סך פון זיי האבען אנטייל גענומען אין לעצטען באלקאן-קריעג.

אויפצובעוואהרען מעבעל
געזעל-שאפט „וויסלא"
אין איינענע לאגערס. ס'ווערען אויך געגעבען הלוואות אויף מעבעל.
— פערפאקונגען און ציהונגען. —
לאדז, פעטריקויער 69, טעלעפ. 28-90.
ווארשע, מארשאלקאווסקא 104, טעל. 88-66.
6332 15 5

נאך קורצע שווערע ליידען איז פרייטאג 4 נאכם. געשטארבען אונזערע ליעבע טאכטער, שוועסטער און שוועגערין
ג"ע לאה ליפשיץ אין עלטער פון 20 יאהר
צו דער לויה, וועלכע וועט פארקומען היינט האלב 12 פארמיטאג פון טרויער-הויז, פאסאזש-שולץ № 18 ווערען פערוואנדטע, פריינד און בעקאנטע געבעטען צו קומען.
די טיעפבעטריבטע פאמיליע. 862

טיכער פלאמבירערינס
טיכטיגע ווערען געבראוכט ביי זילבערשטיין אין שאפאוואל ציגעל שטר. 45. 863

היינט זונטאג דען 3-טען מאי 6 א זייגער נאכמיטאג וועט אין פעראיינס-לאקאל זאכאדניא 62 פארקומען
א הזכרה נאכ'ן פערשטארבענעם לאנגיעהריגען פערוואלטונגס-מיטגליעד 6525
יעקב ווארחיווקער ז"ל
צו דער הזכרה לאדעט איין די פערוואנדטע, בעקאנטע און אלע מיטגליעדער. די פערוואלטונג פון „לינת הצדק".

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער ליעבע מוטער, שוויגער-מוטער, גרויס-מוטער, שוועסטער, שוועגערין און מומע נ"ע
הענע מזל געבוירען מארגאליס 859
(אשת המנוח ר' שלמה זלמן מזל ז"ל) אין עלטער פון 60 יאהר.
צו דער לויה, וועלכע וועט היינט 2 א זייגער מיטאג פארקומען פון טרויער-הויז שרעדניא 20, ווערען פערוואנדטע, פריינד און בעקאנטע געבעטען.
די טיעפבעטריבטע פאמיליע.

# א בריעף פון וויען.

(פון אונזער קארעספאנדענט.)

אונזער וויען, כ'מיין די יודישע געמיינדע פון וויען האט איצט צו פערציכנען א גרויסען נצחון, וואס איז געקומען נאך א לאנג דויערענדען קאמפף.

די געשיכטע פון דער זאך איז אזוי:

צווישען דער יודישער געמיינדע און דער שטאָדט-פערוואלטונג קומט פאר שוין זייט עטליכע יאהר א סכסוך וועגען דעם אמט פון פערוואלטער פון דער פאָלקס-שולע אין ערשטען וויענער בעצירק.

פאר א פיהרער פון דער שולע איז פאר פיעל יאהרען צוריק בעשטימט געוואָרען א קאטאליק, אזוי אבער ווי דאס רוב שילער פון דער שולע זענען יודען, האט די יודישע געמיינדע געוואלט, אז דער פערוואלטער פון דער שולע זאל זיין א יוד. די יודישע געמיינדע האט זיך שוין פיעל מאל געווענדעט צו דער שטאָדט-פערוואלטונג מיט איהר פאָדערונג אבער שטענדיג האט די שטאָדט-פערוואלטונג געפונען אנ'אויסרייד און די פאָדערונג נישט ערפילט.

איצט האט זיך ענדליך די יודישע געמיינדע געווענדעט וועגען דער זאך מיט א בקשה צום מיניסטעריום, אז מען זאל אין יענער שולע בעשטימען א יוד פאר א פערוואלטער, און באלד דערויף איז אנגעקומען א בעפרידיגענדען ענטפער.

און שוין די טעג איז די זאך פערווירקליכט געוואָרען און אין דער שולע איז בעשטימט געוואָרען א נייער פערוואלטער, א יוד.

—די עכט מיטעלאלטערליכע, אינקוויזיטאָרישע אָנפאלען אויף'ן תלמוד, וואס הערען זיך א געוויסע צייט אטאקירט פון דעם מכלומר'שט ראדיקאל „פאָסטעמפאָרער" שריפטשטעלער ניעמאָיעווסקי—האָבען אין גאליציען געפונען א טיעפען אָבקלאנג.

די מיטעלפוילישע פרעסע דרוקט טאג טעגליך ארטיקלען איבער דעם אנטיסעמיטישען „ווערק", און ציטירט גאנצע שטיקלעך פון ניעמאָיעווסקי'ס בוך. זיי קאָנען זיך פשוט נישט זאט עסען מיט דעם אנטיסעמיטישען פאמפלעט.

דערצו גיסבען די דאָזיגע ציימונגען נאך צו אזעלכע פירושים, אז אָפטמאל מוז אפילו די גאליצישע פראקוראטור, וואס געהערט כלל וכלל נישט צו אונזערע בעסטע מליצי יושר, דאנגענען אייפערעטען און די צייטונגען קאָנפיסקירען. אזעלכע פאקטען זענען לעצטענס פארגעקומען אין קראקוי און אויף דער פראָווינץ, און ווען מ'קוקט זיך גוט צו צו דעם קאמפף וואס ווערט דא געפיהרט סיסטעמאטיש אויף אלע פראָנטען נעגען די יודען אזוי קלינגט אביסעל קאמיש דער אויפרוף וואס די גאליציאנער ציוניסטען האבען די טעג פערעפענטליכט צו דער פוילישער געזעלשאפט.

די ציוניסטען אפעלירען צום געוויסען פון פוילישען פאָלק, און וויינען אויף די שלות וואס די פוילישע מאגנאטען זענען בעגאנגען נעגען די יודען. בעגרענצענדיג זיי אין זייערע רעכטע אין קינפטיגען סיים.

די שמיערער פון נייעם וואהל-רעפארם האבען אזוי קונציג דורכגעפיהרט זייער פלאן, דאס אין קומענדיגען פוילישען סיים וועלען די יודען קיין געהעריגע פערטרעטונג נישט קאָנען האבען.

ציוניסטישע נאאיווקייט. זיי גלויבען נאך אן געוויסען פון די פוילישע מאגנאטען. זיי די פוילישע מאגנאטען וועלען קיין מאל אונזערע פאָדערונגען נישט אנערקענען. איבריגענס מ'ברויך קיין גרויסער סקעפטיקער נישט זיין אום איינצוזעהען ווי מיר האלטען דא. דער אנטיסעמיטיזם וואקסט פון טאג צו טאג, און נישט נאר טעאָרעטיש, נאר אויך אין פראקטישען, ווירטשאפטליכען טעגליכען לעבען. פון טאג צו טאג ערשיינען אלץ נייע אויפרופען צו דער פוילישער יוגענד, צו די לעהרער, צו די שטודירענדע, אז זיי זאלען ביי קיין יודען נאר נישט קויפען, אז זיי זאלען נאר אונטערשטיצען קריסטליכע פירמען און זאלען אויסמיידען יודישע געשעפטען א. ז. וו. דאס אלץ איז שוין נישט קיין צופעליגער ערשיינונג, נאר מיר האבען דא צו טהון מיט א פעסטע ארגאניזירטע טאקט, וואס פיהרט דאס אלץ אן, און די פוילישע מאגנאטען שטעהען כלל נישט פון דער ווייטענס פון דער בעוועגונג...

— די טעג האט זיך פארגעשטעלט פאר דעם פרעמיער-מיניסטער פון אונגארן גראף טיסא און פאר'ן אינערן מיניסטער סאנדור א דעפוטאציע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אונגארן און געבעטען, אז מען זאל בעשטעטיגען די סטאטוטען פון דער ארגאניזאציע. די דאָזיגע ארגאניזאציע ארבייט שוין אום צו בעקומען די דאָזיגע בעשטעטיגונג א לאנגע צייט, און נישט געקאנט זי בעקומען. ביז זיי האבען זיך איצט געווענדעט צו דער רעגירונג גופא. ביידע מיניסטארען האבען צוגעזאגט דער דעפוטאציע, אז זיי וועלען פערשאפען דער ארגאניזאציע די נויטיגע בעשטעטיגונג.

א. ד. וו—ד.

## דעמאָנסטראציעס נעגען ראקפעלערן.

ניו-יארק (ספ.) גאנץ ניו-יארק איז אויפגערעגט איבער דער האלטונג פון מיליאָרדער ראקפעלער נעגען איבער די שטרייקענדע, די ארבייטער-ארגאניזאציעס האלטען אב יעדען טאג עטליכע פערזאמלונגען, אויף וועלכע עס ווערט פראָטעסטירט נעגען דער האלטונג פון ראקפעלער'ן, די מיטגלידער פון ליבעראלען קלוב האבען געמאכט א דעמאָנסטראציע פאר דער געבייידע פון דער „סטאנדארד איל קאמפאני", זיי זענען נעגאנגען שווארץ געקליידעט און געטראָגען א שווארצע פאהן, אויף וועלכע עס איז געווען אנ'אויפשריפט נעגען ראקפעלער.

# מאָג-נאָטיצען.

## די אקטיאבריסטיין און די יודען-פראגע.

אין קיין שום פראגען האבען די אקטיאבריסטען זיך נישט ארויסגעוויזען אלס אזעלכע פלינקע און געשיקטע פאָליטיקער, ווי אין דער יודען-פראגע.

זיי זענען פשוט גאונים.

שטענדיג צו געפינען פערשידענע תרוצים, ווי זיך פון דער דאזיגער פערשאלטענער פראגע ארויסצודרעהען.

אט מיינט איהר האט מען זיי שוין געפאקט:

— הערר אקטיאבריסט, גיעט א קלאָרע תשובה! ווי איז אייער מיינונג וועגען דער און יענער פראגע, פון יודישען לעבען?

איהר שטעלט איהם קאטעגאָריש די דאָזיגע פראגע און מיינט שוין, אז איהר האט איהם צוגעדריקט צו דער וואנד...

עס הויבט זיך אבער נישט אן — די אקטיאבריסטען זענען אזעלכע בריות, אז אין דער געפעהרליכסטער פאזיציע געפינען זיי א פארטעל ווי זיך ארויסצודרעהען...

— וואס יודען-פראגע — נישט איצט די צייט... שטופענוויי דארף מען אויסבעסער'ן די יודישע לאגע!

נו, האלט מען זיי ביים וואָרט פון שטופענווייז,

נאר דער אקטיאבריסט האט אויך דערפאר קיין מורא נישט.

קארג שענקט פראזען און האפנונגסווערטער האט ער אין משך פון די עטליכע יאהר צושפרייט!

וועניג הבטחות האט ער פערשידענע גרופען צוטיילט בשעת חדוה— ווען מען דארף עס צו דער רענאמע, צו דער וואהל-קאמפאניע?

געהט אריבער דער כרען, פערשווינדעט די היסיגע מינוט און מען פערגעסט אן אלץ!

עס בלייבט קיין זכר נישט פון די אלע הבטחות.

און ווען עס געפינען זיך מענשען, וואס דערמאהנען דעם אקטיאבריסט:

— פאניע לעבען, איהר האט דאך עפּעס צוגעזאגט! וועקסלען ארויסגעגעבען!

לאכט ער זיך אויס...

עס ווילט זיך דעם אקטיאבריסט אויך א מאל בלייבען א פיינער מאן, א דזשענטלמאן, ווענען עס פאסט נישט צוברעכען זיין וואָרט.

און אויך דערצו, געפינט ער אנ'עצה!

דערפאר איז ער דאך א פלינקער פאָליטיקער...

שטעהט אויף דער טאגעס-אָרדנונג א פראגע וועגען יודישער בעגרענצונג און זיי ווילען עס אונטערשטיצען, טהוען זיי גארנישט מעהר, ווי זיי—בלייבען זיצען...

אי געבליבען פיינע מענשען, אי יודען אונטערגעשטעלט א פיסעל...

שטעהט ווידער אויף דער טאגעס-אָרדנונג א פראגע וועגען אבשאפען די בעגרענצונגען, געגען יודישע אדוואָקאטען און די אקטיאבריסטען שמעקט עס נישט—געפינען זיי אויך אנ'עצה, ווי עס דורכצוּוואַרפען.

קודם פערשלעפט מען די פראגע אויף צולעצט אזוי ווען מען דארף שוין וועגען איהר אבשטימען הויבען זיי זיך אויף און געהען ארויס!..

עס בלייבט נישט קיין קוואָרום און די פראגע ווערט בעגראבען!

אט אזוי צאהלען די אקטיאבריסטען זייערע וועקסלען; אזוי שפּיעלען זיי זיך מיט די יודישע פערוועהטאגטע פראגען, מיט די יודישע בלוטיגע אינטערעסען.

נישקשה, זיי זענען שוין איין מאל געשיקטע פאליטיקער!

לאזאר י.

# העברי מארגענטוי און דער ציוניזם.

מיר האבען שוין אויספיהרליך געשילדערט דעם בעזוך פון אמעריקאנישען באטשאפטער ה' העברי מארגענטוי אין ירושלים, איצט קאָנען מיר צו געבען נאך פאלגענדע אינטערעסאנטע פרטים:

נאך דעם באל וואס מארגענטוי האט געמאכט פאר די חשוב'ע לייט פון ירושלים,— מאהמעדאנער, יודען און קריסטען, האט צו מארגענס דער גובערנאטאר געמאכט א מאהל-צייט לכבוד מארגענטוי'ן, אויף וועלכער עס זענען איינגעלאדען געוואָרען עטליכע אנגעזעהענע יודען, דאָרט האט מען גערעדט זעהר פיעל וועגען די יודען פון ארץ-ישראל און וועגען ישוב און דער גובערנאטאר האט זיך פארגעשטעלט פאר'ן באטשאפטער אלס פריינד פון יודישען ישוב אין ארץ-ישראל, און איהם צוגעזאגט מיטצוהעלפען מיט אלע כחות דער ענטוויקלונג פון יודישען ישוב און נישט דערלאזען די אנטיסעמיטען צו טהון די יודען עפּעס שלעכטס, ה' מארגענטוי האט דערויף געדאנקט דעם גובערנאטאר.

ווי מען זאגט איז צווישען דעם באטשאפטער און גובערנאטאר פארגעקומען א געהיימער געשפרעך וועגען דעם יודישען ישוב אין ארץ-ישראל, אין דעם געשפרעך האט ה' מארגענטוי איבערגעגעבען דעם גובערנאטאר וועגען דער גוטער בעציהונג פון דער צענטראל-רעגירונג צו דער ציוניסטישער בעוועגונג און אויף וויפיעל מען איז שוין אין קאנסטאנטינאפעל איבערצייגט, אז די ציוניסטען וועלען נישט נאר נישט ברענגען קיין רעה דער טערקיי, נאר פערקעהרט זייער ארבייט אין פאלעסטינא האט א הויכען ווערטה. בכלל האט זיך ה' מארגענטוי אויסגעדריקט שטענדיג צו די יודען: „איהר זאלט וויסען, אז איהר האט אין קאנסטאנטינאפעל א ברודער און א פריינד, וועלכער איז גרייט צו שיצען מיט אלע כחות אייערע אינטערעסען.

ה' מארגענטוי האט אבגעלייקענט די ידיעה, אז ער פערלאזט זיין אמט אין קאנסטאנטינאפעל. אמת, מען האט איהם פארגעלעגט א העכערען אמט אין אמעריקא גופא, אבער ער האט אבגעזאגט דעם פארשלאג, ווייל ער האפט, אז אין פאלעסטינא וועט זיין ארבייט ברענגען מעהר נוצען זיינע ברודער יודען.

# א טעריטאריאליסטישע קאָנפערענץ.

פון דעם טעריטאריאליסטישען קאָמיטעט האבען מיר בעקומען פאלגענדע מיטטהיילונג:

מיט א קורצער צייט צוריק איז פארגעקומען א בעראטונג פון די פארשטעהער פון די יודישע טעריטאריאליסטישע גרופּעס אין רוסלאנד. אויף דער בעראטונג זענען בעטראכט געוואָרען די נאהענטסטע אויפגאבען פון טעריטאריאליזם.

אויף'ן ערשטען פלאן איז געשטאנען די פראגע וועגען קאָלאָניזירען די יודען אין דער פארטוגאלישער קאָלאָניע אנגאלא, ווי אויך די פראגע וועגען גרינדען א פינאנציעלען אינסטיטוט.

וועגען דער ערשטער פראגע איז געמאכט געוואָרען א דעקלאר, אין וועלכען ס'איז געשילדערט געוואָרען די לאגע פון דעם אנגאלא-פראיעקט אין דער פּאָליטישער הינזיכט. צווישען אנדערען האט זיך פון דעם דעקלאר ארויסגעשטעלט, אז די קלאנגען וועגען דער צעטיילונג פון אנגאלא צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד זענען פולשטענדיג אונבעגרינדעט.

די בעראטונג האט אנגענומען א בעשלוס וועגען דער נויטהווענדיגקייט וואס מעהר אויסצופארשען אנגאלא און פעסטשטעלען, אויף וויפיעל די קאלאניע קאן גוט זיין פאר א יודישער קאלאניזאציע, דאביי איז אנערקענט געוואָרען פאר ווינשענסווערט צו שיקען א צווייטע עקספעדיציע קיין אנגאלא, נור די צווייטע עקספעדיציע זאל בעשטעהן פון מעהר מענשען און זאל פערברענגען א לענגערע צייט אין אנגאלא, כדי גרינדליך די קאלאניע אויסצופארשען.

אויף דער בעראטונג איז אויך דערוועהנט געוואָרען די פראגע וועגען דער נויטהווענדיגקייט צו שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט די טעריטאריאליסטישע פראיעקטען אין אמעריקא.

וואס אנבעלאנגט דער פראגע וועגען גרינדען א פינאנציעלען אינסטיטוט, האט די בעראטונג בעשלאסען צוצוטרעטען צו א ענערגישער טעטיגקייט ווי צווישען דעם רוסישען, אזוי אויך צווישען דעם אויסלענדישען יודענטום.

צוליעב דעם, וואס אין סעפּטעמבער 1914 וועט אין בודאפעשט פארקומען אנ'אלוועלטליכע טעריטאריאליסטישע קאָנפערענץ, אויף וועלכער ס'וועלען אנגענומען ווערען בעשלוסען ווי וועגען דעם אנגאלא-פראיעקט אזוי אויך וועגען גרינדען דעם פינאנציעלען אינסטיטוט, האט די בעראטונג בעפאלמעכטיגט דעם קאָמיטעט צו ארגאניזירען א בעדייטענדערע פארשטעהערשאפט פון די רוסישע טעריטאריאליסטען אויף דער קאָנפערענץ.


קופּאָן
№ 92

יעדער לעזער, וואָס שטעלט צו אזעלכע 10 קופּאָנען בעקומט יעדע 2 וואכען א באנד
יודישע געשיכטע
(פון פראָפ. גרעץ)
אלס פרעמיע פון „לאדזער טאַגעבלאַט"
נור פאר 20 קאפ. אבאנר


# וועלט-נייעס.

## עספעראנטא אויף דער פאסט.

עספעראנטא איז איצט אפיציעל אנערקענט געוואָרען פון א גרויסע מלוכה, אין פראנקרייך איז איצט געוואָרען א פליכט פאר די פאסט-בעאמטע צו קענען די עספעראנטא-שפראך, אין גרויסען זאל פון דער הויפט-פאסט קומען פאר 2 מאל א וואָך קורסען פון עספעראנטא-קורסען, אויף וועלכע עס קומען א גרויסע צאהל פאסט-בעאמטע. איבערהויפט ווערט פלייסיג געלערענט עספעראנטא מיט די בריעף-טרעגער צוליעב דעם, וואס היי-יאהר וועט אין פאריז פארקומען אנ'עספעראנטא-קאָנגרעס, די פאסט-בעאמטע, וועלכע קענען עספעראנטא בעקומען אנ'אויס-צייכנונג פון א גרינעם שטערען, וואס זיי טראגען איהם אויפ'ן מאנושעט.

* *

## גנבים מיט עלעקטריע.

פון פאריז שרייבט מען:

א מין היסטאָרישע-טליכע גנבה איז איצט דא פארגעקומען. אין דער נאכט פון מאנטאג אויף דינסטאג האבען זיך גנבים אריינגעריסען אין גרעסטען קינעמאטאגראף פון פאריז אויף דער עליזעי נאס און געצוימען אויפרייסען די איזערנע קאסע, אבער זיי האבען נישט געטהון זייער ארבייט ווי געוועהנליכע גנבים, דורך ברעך-אייזענס און דיטריכס. ניין, זיי האבען געצוימען אויספיהרען זייער ארבייט דורך עלעקטריע. זיי האבען געשאפען א פערבינדונג דורך א נייער דראהט פון דער עלעקטרישער דינאמא צו דער אייזערנער קאסע און אזוי ארום געפרובט אויפצורייסען די קאסע. אבער דאס איז זיי נישט געלונגען, זיי האבען געארבייט ביז טאג און דאן זענען זיי אנטלאפען.

*

## די מאראל אין באסניען.

א מוסטערהאפטסטע געגענד אין מאראלישער בעציהונג איז באסניען, אין באסניען ווייסט מען נישט פון קיין אונלעגאלע געבורטען און דאס פאמיליען-לעבען ווערט שטרענג אבגעהיט פון ביידע געשלעכטער.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם מעלדעט מען פון סאראייעווא פאלגענדעס: די אמטליכע געבורטס-סטאטיסטיק האט שוין אין משך פון פיער יאהרען נישט רעגיסטרירט קיין איין פאל פון אנ'אונלעגאלע געבורט. די פרויען בעגעגענען די מענער אין זייער חדרים פערקלייבט אין א געוויסע פרויען-טראכט. ווען דער מאן קומט אריין און טרעפט ליעגען אויף דער שוועל פון הויז א פאר פרעמדע פאנטאָפעל טאר דער מאן נישט אריינגעהען. אנ'אלמנה מיט קינדער האט זעהר זעלטען חתונה צום צווייטען מאל. דאס געזעץ פאלגט אויך שטרענגקייטען, אז אנ'אלמנה זאל קאנען צום צווייטען מאל חתונה האבען. די בעציהונגען צווישען עלטערן און קינדער זענען זעהר הערצליך, און ס'טרעפט זעהר זעלטען, או קינדער זאלען נישט הערען, וואס די עלטערן זאגען זיי.

די מוטער-ליעבע הערט איין א רייהע פון פאלקס-ליעדער בעזונגען. א גאנץ אנדערע בעציהונג איז צו די שטיף-מוטערס, אלע קוקען אויף זיי ווי אויף ווילדע מענשען.

אט אויף אזא הויך שטעהט די מאראל אין באסניען.

יאהאן פאן ווילדענראדט.

# „דער יודישער פּריץ".

## א שפאנענדער היסטארישער ראמאן.

(ספעציעל בעארבייט פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט".) 36

### VII.

### לעאָנאָרא אין געפאנגענשאפט.

די ווערטער פון טערקישען קריגסמאן זענען פאר איהר קלאר געווען און זי האט שוין מעהר קיין שום פראגען נישט געשטעלט, זי האט בלויז געענטפערט, אז זי איז גרייט צו געהן אומעטום, וואוהין מען וועט נאר פערלאנגען.

מיט אונגעדולד האט זי אליין געוויזען וואו עס ליגען איהרע זאכען און מיט די מאטראסען האבען גענומען ארויסטראגען די זאכען, איז זי ארויס אויפ'ן דעק פון שיף א קוק צו טהון אויפ'ן שיף, וואוהין זי האט זיך געקליבען אריבערצוגעהן.

ווען דער טערקישער נאטשאלניק האט געהאט בעפעהלען שנעל אבצוציהען פון שיף די קערפערס פון די דער'הרג'עטע און פערוואונדעטע, איז געווען זיין הויפטזין אבצוואשען די שפורען פון דער גרויסער שלאכט און די שענע ווענעציאנערין זאל נישט וויסען, וואס דא איז פארגעקומען.

נאר וויפיעל די טערקישע סאלדאטען און מאטראסען האבען זיך נישט געמיהט, האבען זיי דעם בעפעהל נישט געקאנט ערפילען אזוי שנעל און ווען לעאנאָרא איז ארויס, האט זי אינסטינקטיוו פערמאכט די אויגען און די פיס זענען איהר אונטערגעהאקט געוואָרען פאר שרעק.

דער גאנצער דעק איז געווען פול מיט בלוט און אין אלע ווינקעלעך האבען זיך געוואלגערט שווער פערוואונדעטע, וועלכע האבען יאמערליך געקרעכצט און געוויינט...

זי האט פאר עקעל און שרעק געוואלט זיך צוריקציהען, נאר אין דעם מאמענט זענען צוגעגאנגען צו איהר צוויי געזונדע מאטראסען, זי אריינגעזעצט אין א שטוהל און ארויפגעטראגען. מען האט זי אזוי געטראגען און זי איז געזעסען רוהיג און זיך נישט אומגעקוקט אויף קיין זאך.

אין דעם מאמענט ווען מען האט זי שוין געהאט צוגעטראגען צום ברעג פון שיף האט זי בלוצלונג דערהערט א שוואך קרעכצען:

— לעאנארא...

זי האט דערקענט דאס קרעכצען—דאס איז געווען איהר ברודער אנטאנאָו, וועלכער האט געהאלטען ביים שטארבען, א שטארקער שמערץ האט זי אינגאנצען דורכגענומען, דערהערענדיג די ציטערדיגע שטים און כאטש זי איז געווען בייז אויף איהרע ברידער, האט זי אינסטינקטיוו זיך אומגעקוקט אויף איהר פערוואונדעטען ברודער.

— לעאנארא... שוועסטער... גיעב אויף מיר א קוק... זאג מיר איין וואָרט, או דו ביסט מיר מוחל...

אזוי האט זיך איהר ברודער געבעטען, נאר די מאטראסען האבען נישט געוואָרט און זי ווייטער געטראגען. לעאנארא האט בלויז געקאנט מאכען א צייכען, וועלכען ער האט נישט בעמערקט, דא האט זיך דערהערט מארקוס'ס שטארקע שטים:

— זעהסטו דען נישט, או זי געהט אוועק... זי איז שולדיג אין אונזער גאנצען אומגליק! פערשאלטען זאל זי ווערען צוזאמען מיט איהר יודישען געליעבטען!...

ער האט זיינע ווערטער זיך בעמיהט ארויסצושרייען וואס שטארקער און דייטליכער.

לעאנארא האט עס געהערט און איז דערציטערט געוואָרען.

— בין איך ווערט אזא קללה?—האט זי זיך געטראכט.

זי האט זעהר געוואלט זיך אבשטעלען און איהם שטעלען די פראגע, זי האט געוואלט איהם זאגען, אז ער איז זיך טועה, אז די בעשולדיגונג איז א פאלשע...

נאר די גאנצע לופט איז פול געוואָרען מיט פערשידענע קולות און געשרייען, אזוי אז ער וואלט איהר שטים סיי ווי סיי נישט געהערט.

און ווען מען האט זי שוין געהאט אריבערגעטראגען אויף דאס טערקישע שיף האט זי א טראכט געטהון:

— מיט א קללה האב איך זיך געשיידעט מיט מיינע ברידער... ווי שרעקליך דאס איז...

דערווייל האט מען זי אריינגעפיהרט אין אנ'עלעגאנטע קאיוטע און זי האט מיט אונגעדולד געוואָרט, או איהר געליעבטער, אז יוסף זאל זיך בלוצלונג בעווייזען.

זי האט זיך פארגעשטעלט, ווי ער וועט עס אריינקומען און זיך מיט איהר גליקליך פריהלען...

— וואו איז ער? פארוואס קומט ער נישט אריין?

אומזיסט האבען איהרע אויגען ארומגעזוכט אין אלע ווינקעלעך, אומזיסט האט זי געדרעהט און אונגעדולדיג געקוקט אויף דער טיר... אלץ ארום איז אזוי פרעמד און פרעכטיג, נאר ער איז אלץ נישטא, ער קומט נישט...

— אפשר איז ער כלל נישטא אויפ'ן שיף? אויב אזוי וועל איך מוזען געדולד האבען ביז מיר וועלען קומען קיין קאנסטאנטינאפעל... יא, דארט וועל איך איהם זיכער געפונען, דארט וועל איך מיט איהם זיך דורכשמועסען... אך, ווי דערלעבט מען שוין די מינוט... ווען די שעהן וואלטען מינוטען געוואָרען!...

אזוי איז זי געזעסען אליין אין ציטער און געטראכט. פלוצלונג איז אריין צו איהר דער נאטשאלניק מיט צוויי שקלאפינס, וועלכע זענען געווען בעשטימט זי צו בעדינען און מיט א לייכטען שמייכעל געזאגט צווייטייטיג:

— דאס ווענעציאנישע שיף קאן איצט געהן וואוהין דער ווינד וועט עס פערטראגען... איך בין זעהר גליקליך וואס איך האב ערפילט דעם בעפעהל פון מיין הויכען הערר, און איך אבגעריסען פון אייערע ברידער און פאלק א געזונדע און א גאנצע... די וואונדען פון אייערע ברידער וועלען זיך גיך פערהיילען; וואָרנט נישט פאר זיי, שטארקט זיך און פערליערט נישט אייער שעהנהייט — מאכמעד סאקולי וואָרט אונגעדולדיג אויף אייך!...

— מאכמעד סאקולי?— לעאנארא האט נישט געגלויבט, אז זי הערט דעם דאזיגען נאמען און פון שרעק האט זי ארויסגערעדט:

— איהר האט גענומען א טעות... איהר ווילט געוויס זאגען, אז פּרינץ יוסף וואָרט אויף מיר...

דער טערק האט מיט פערוואונדערונג די שוואַרצע ברעמען געהויבען און צוגעקנייטשט:

— יוסף איז נישט מיין הערשער; מיין הערר און בעפעהלער איז דער גרויסוויזיר, מאכמעד סאקולי!

א ציטער איז דורך אלע איהרע גליעדער און זיך נישט קאנענדיג בעהערשען האט זי א פערצווייפעלטע אויסגעשריען:

— נישט דער פּרינץ יוסף! נישט ער האט אייך אהערגעשיקט!

דער טערק האט מיט בעדויערן א שאקעל געטהון דעם קאפ און זי האט זיך דאן איבערצייגט, אז מען האט זי אבגענארט, בעשווינדעלט.

זי האט א מינוט געטראכט, וואס צו טהון, דאן האט זי זיך אויפגעהויבען מיט גרויס איטפעט און מיט אנ'אויסגעשריי:

— איצט קאן איך שטארבען!

פארביי געלאפען איהרע שקלאפינס, געלאפען צום דעק, כדי זיך אריינצווארפען אין וואסער.

שטארקע, געזונדע הענד האבען זי אבער אנגעכאפט און זי צוריקגעשלעפט אין איהר קאיוטע אריין.

זי האט פאר פערצווייפלונג זיך געווארפען אויף איהר געלעגער, געוואוינט בלייבען, וויינען און יאמערן...

דער נאטשאלניק האט מיט אנ'איראנישען שמייכעל געקוקט אויף איהר און אנגעזאגט די שקלאפינס, אז מען זאל זי היטען, האט ער א בעפעהל געטהון צו פאהרען קיין קאנסטאנטינאפעל.

(פארזעצונג קומט.)

# דערשאָסען דעם באַנדיט דאַנעל.

## דער קאַמפּף צווישען פאָליציי מיט די באַנדיטען.

(פון אונזער ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט).

סוף גנב לתליה—אויך דאַנעל שטעפער איז ענדליך דערהרג'עט געוואָרען!

דער דאַנעל שטעפער, וועלכער האָט אַרויסגעוואָרפען שרעק און פחד אויף דער גאַנצער בעפעלקערונג פון פעטריקאָווער גובערניע און איז געוואָרען דער „העלד" פון טאָג פון גאַנץ פוילען; דער דאַנעל שטעפער, וועלכער איז געוואָרען א רואה ואינו נראה, האָט אויסגעפיהרט אונצעהליגע באַנדיטען-אַנפאַלען און די פאָליציי האָט איהם נישט געקאָנט כאַפּען—דער דאַנעל איז סוף כל סוף אריינגעפאַלען אין די הענד פון דער פאָליציי. ער אַליין איז דערהרג'עט געוואָרען און זיינע מיטהעלפער זענען אַרעסטירט געוואָר'ען.

ווענען דעם כוף פון דעם אַזוי פּאָפּולער געוואָרענעם באַנדיט מעלדעט מען פאָלגענדעס:

דאָנערשטאָג פאַר נאַכט איז דאַנעל מיט זיין באַנדע אַרוים פון זיין בּאַהעלטעניש און געמאַכט איינינע אַנפאַלען אויף סוחרים, וואָס זענען געפאָהרען פון קאָנסק.

ווענען דעם איז באַלד געוואָהר געוואָרען די פאָליציי און מען האָט גענומען פערשטאַרקען די וואַך אויף אַלע פּאָזיציעס, רעכענדיג, אַז די באַנדיטען וועלען זיך צוריק אומקעהרען אין געדיכטען וואַלד.

און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט מען ריכטיג אויסגערעכענט; די באַנדיטען האָבען זיך אומגעקעהרט אין וואַלד בעהעלטעניש און אויפ'ן וועג זענען זיי אריינגעפאַלען אין די הענד פון פאָליציי.

זיי האָבען געמאַכט דעם אַנפאַל אויף דעם טעריטאָריום פון ראַדאָמער גובערניע און וועלענדיג צוריקקומען אין זייערע וועלדער, האָבען זיי געמוזט דורכגעהן דעם טייך פיליצא.

אַרום האַלב 12 אַ זייגער אין דער נאַכט האָט די וואַך, וואָס איז געשטאַנען פון דער זייט פיליצא בעמערקט דעם שאָטען פון 4 געשטאַלטען, וואָס האָבען זיך גענגב'ט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

— האַלט! — האָט די פאָליציי-וואַך אויסגעשריען.

און ווען די באַנדיטען האָבען געוואָלט עַנטלויפען האָט מען געעפענט אויף זיי אַ שטאַרקע שיעסעריי. די באַנדיטען זענען אריינגעשפרונגען אין וואַסער. מען האָט זיי אויך אין וואַסער נאָכגעשאָסען. באַלד האָט מען בעמערקט ווי איינער פון זיי איז געבליבען ליעגען אויפ'ן רוקען א שווער פערוואונדעטער, מען האָט דעם פערוואונדעטען אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער און ער איז באַלד געוואָרען טויט. אין דעם דערשאָסענעם האָט מען דערקענט דעם לאַנג-געזוכטען דאַנעל שטעפער.

איינינע פאָליציסטען זענען געבליבען ביים טויטען קערפער פון באַנדיט און די אַנדערע האָבען נאָכגעיאָגט די אַנדערע דריי באַנדיטען, וועלכע זענען אריבערגעשוואומען דעם טייך און ווייטער געלאָפען.

---

אונזער ספּעציעלער ש. קאָרעספּאָנדענט, וועלכער איז אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן אָרט וואו דער קאַמפּף מיט די באַנדיטען איז פאָרגעקומען, מעלדעט אונז פאָלגענדע איינצעלהייטען:

### ענטדעקט דאַנעל'ס שפורען.

פרייטאָג אַרום 7 אַ זייגער פאַר נאַכט האָט די פאָליציי, ביי'ם דאָרף פושעוואָ, וועלכע געפינט זיך אויף דעם טעריטאָריום פון פעטראָקאָווער און ראַדאָמער גובערניע בעקומען אַ ידיעה, אַז דאַנעל מיט זיין באַנדע דערנעהענטערט זיך צום דאָרף פושעוואָ, וואו ער האָט בעשלאָסען אריבערגעהן איבער דעם טייך „פיליצא" אויף דער טעריטאָריע פון פעטראָקאָווער גובערניע, אום אַזוי אַרום אַרויסצוכאַפּען זיך אין די רענטשנער וועלדער אַריין. פון דער אַנדער ערטער זייט ווייטער האָט זיך די פאָליציי פון קאָנסקער און אָפּאָטשנער אויעזדען געיאָגט נאָך דאַנעל'ן ווייסענדיג אַז ער איז געווען צווישען די באַנדיטען, וואָס האָבען אויסגעפיהרט היינטיגען דאָנערשטאָג דעם דרייסטען אַנפאַל, אויף 22 פיהרען, וועלכע זענען צוריקגעפאָהרען פון ראַדאָשיצער יריד קיין קאָנסק, און גערויבט איבער 90 פערזאָן אויף א סומע מעהר ווי 1000 רובל געלד און אויף 600 רובל פערשיעדענע חפצים.

ביים דאָרף פושעוואָ, האָבען זיך געפונען 5 סטראַזשניקעס פון ראַדאָמער גובערניע פערקליידעט, וועלכע האָבען אָבגעהיט דעם ברעג פון דעם טייך „פיליצא".

די פאָליציי פון קאָנסקער און אָפּאָטשנער אויעזדען האָבען די באַנדיטען געיאָגט פון סקאָטניצער וואַלד אין סטאָפּניצער וואַלד אַריין.

### דער קאַמפּף מיט די באַנדיטען

אַנקומענדיג צום דאָרף פושעוואָ האָבען די באַנדיטען געהאַלט אַריבערשווימען די „פיליצא".

דאָס איז געווען פרייטאָג צווישען 8 און 9 אַ זייגער אין אָוונד. פון דערווייטענס האָבען די 5 פערקליידעטע פאָליציסטען בעמערקט, אַז 4 פערזאָנען טהוען זיך אויס ביי'ם ברעג און גרייטען זיך אַריבערצוגעהן אויף דער צווייטער זייט. די סטראַזשניקעס האָבען אָנגעהויבען צו שיעסען, און ס'איז ענטשטאַנען אַ שיעסעריי צווישען דאַנעל'ן מיט דער פאָליציי.

די באַנדיטען זענען אַרומגערינגעלט געוואָרען פון ביידע זייטען.

### דערשאָסען דאַנעל'ן.

דער ערשטער האָט אָנגעהויבען שיעסען דאַנעל, נאָר צושווימענדיג צום ברעג איז ער פון די סטראַזשניקעס דערשאָסען געוואָרען.

דאַנעל האָט בעקומען 5 קוילען, איינע פון זיי אין קאָפּ.

די איבריגע באַנדיטען זעהענדיג, אַז דאַנעל איז טויט, האָבען זיי איהם געפּרובט צושלעפּען צום ברעג, נאָר זיי האָבען איהם געמוזט אָפּלאָזען. האַלב נאַקעטע אָהן קאָמאַשען און הויזען האָבען זיי געמוזט אַנטלויפען און שיסען צו די סטראַזשניקעס.

אויסנוצענדיג די פינסטערע נאַכט האָבען זיי אַוועקגעוואָרפען זייערע זאַכען און געוועהר און זיך געלאָזט לויפען צום דאָרף סטאַפּניץ פעטראָקאָווער אויעזד. דער פאָליציי-הונד „אַליק" וועלכער איז אויך באַלד אָנגעקומען, האָט דורכגעשמעקט די איבערגעבליבענע זאַכען פון דעם טויטען דאַנעל'ן און זיך אַוועקגעלאָזט אין דאָרף סטאַפּניץ. אויף די שפורען פון די באַנדיטען.

דאָרטען זענען צוויי באַנדיטען שוין פערוואונדעטע אַרעסטירט געוואָרען בעת דער אַבלאַווע.

דער פיערטער באַנדיט איז אַנטלאָפען. דער הונד „אַליק" האָט זיינע שפורען פערלוירען.

שפעט ביי נאַכט האָט מען וועגען דעם געמעלדעט דעם פעטראָקאָווער גובערנאַטאָר, וועלכער איז אין דער פריה אָנגעקומען קיין סילעה.

### זיך אויפגעהאַנגען אַ באַנדיט.

דער פיערטער באַנדיט, וועלכער איז פרייטאָג אין אָוונד אַנטלאָפען אָהן קאָמאַשען און אָהן אַ היטעל, איז אַזוי געלאָפען ביז נאָוואָראַדאָמסק. נאַכטען שבת פאַרטאָג איז ער אָנגעקומען קיין נאָוואָראַדאָמסק, ער איז אַריין צו אַ יודישען שניידער און איהם פאָרגעלעגט 60 רובל אַז ער זאָל איהם פערקויפען אַן'אַנצוג.

דער שניידער האָט איהם פערקויפט און גלייך געמאָלדען דער אָרטיגער פאָליציי, אַז אַ פערדעכטיגע פערזאָן איז צו איהם געקומען און ביי איהם געקויפט אַן'אַנצוג. די גאַנצע נאָוואָראַדאָמסקער פאָליציי איז באַלד געשטעלט געוואָרען אויף די פיס און מען האָט אָנגעהויבען צו זוכען דעם באַנדיט. אַרום האַלב 4 נאָכמיטאָג האָט מען איהם געכאַפּט. מען האָט איהם אַרעסטירט און אָבגעפיהרט אין פאָליציי-אַרעסט. דער באַנדיט האָט זיך אָבער אויפגעהאָנגען אויף אַ טיכעל אויף די קראַטעס פון אַרעסט-הויז און מען האָט איהם אַראָבגענומען שוין אַ טויטען. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז האַרמוויך, דאַנעל'ס קאָלעגע, זיין אמת'ער נאָמען אָבער איז נאָר דער בעוואוסטער באַנדיט נאָוואַק, וועלכער האָט זיך בעטייליגט אין פיעל רויב-אַנפאַלען אין טשענסטאָכאָוו און אין אַנדערע ערטער און ווערט שוין לאַנג געזוכט פון דער פאָליציי.

דער פעטריקאָווער גובערנאַטאָר, וועלכער איז אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן אָרט פונ'ם פאַרפאַל איז צוריקגעקומען קיין פעטראָקאָוו נעכטען 9 אַ זייגער אין אָוונד.

*

ביי דאַנעל'ן, וועלכען מען האָט געבראַכט קיין סטאַפּניץ, האָט מען געפונען 48 רובל געלד, אַ שירם, וועלכער איז געווען פון אַלע זייטען דורכגעשאָסען, אונטערהאַלבען פונט וואורשט מיט ברויט און עטליכע זייגערלעך און אַנדערע ווערטפאַלע חפצים, וואָס די באַנדיטען האָבען צוגערויבט ביי די דורכרייזענדע פון ראַדאָשיץ קיין קאָנסק.

אויסער דעם האָט מען געפונען 2 יעגער-ביקסען מיט וועלכע די באַנדיטען זענען געווען בעוואָפענט און שטאַמען פון אַנפאַל ביי ספּאַלאַ, וואו זיי האָבען עס צוגערויבט, און אַ ברוינינג-רעוואָלווער, וועלכער איז צוגערויבט געוואָרען ביי דעם ערמאָרדעטען סטראַזשניק קין אין רענטשנא.

* *

פון אָנהויב האָט מען גערעכענט, אַז דער דערשאָסענער איז נים דאַנעל, נאָר די אָנגעקומענע נאַטשאַלסטווא און פויערים האָבען איהם דערקענט.

נאָכמיטאָג איז אויך אָנגעקומען קיין סטאַפּניץ דער פעטראָקאָווער פּראָקוראָר, אויסזאָרשונגס-ריכטער מיט דעם גובערנאַטאָר אין דער שפּיץ, וועלכע האָבען דעם קערפּער בעטראַכט און אַ פאָטאָגראַף האָט איהם אָבפאָטאָגראַפירט.

* *

די סטראַזשניקעס, וואָס האָבען דאַנעל'ן דערשאָסען, וועלען בעזונדער בעלוינט ווערען.

ווענען דעם אַלעם האָט מען טעלעגראַפיש מודיע געווען קיין פעטערבורג און קיין וואַרשוי דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר.

# וואָס הערט זיך אין לאָדז.

## צום פרישמאַן-יובילעאום אין לאָדז.

דער יובילעאום-קאָמיטעט, וועלכער פערנעהמט זיך מיט דער איינאָרדנונג פון דער יובילעאום-פייערונג לכבוד דוד פרישמאַן, האָט שוין כמעט פערענדיגט זיינע הכנות.

ביז יעצט האָבען זיך שוין פערשריבען איינינע געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס, וועלכע ווילען אַנטייל נעהמען אין דער יובילעאום-פייערונג. דער קאָמיטעט בעט דעריבער די אַלע פעראיינען, גרופּעס, ווי אויך איינצעלנע פערזאָנען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דער פייערונג און ווילען זיך בעטייליגען מיט בעגריסונגען און אַדרעסען, זיך צו ווענדען ביז'ן קומענדיגען זונטאָג אין די רעדאַקציעס פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" און „לאָדזער מאָרגענבלאַט".

*

בילעטען אויף דער פייערונג, וועלכע וועט בעשטימט פאָרקומען קומענדיגען זונטאָג (פסח שני) אין גרויסען טעאַטער' בעקומט מען פון מאָרגען אָן יעדען טאָג אין דער בוכהאַנדלונג בצלאל (צעגעלניאַנע 37) ווי אויך אין דער קאַסע פון גרויסען טעאַטער.

## דער ערשטער מאַי.

דער ערשטער מאַי איז אין אונזער שטאָדט אַריבער פאָלשטענדיג רוהיג. כמעט אויף אַלע פאַבריקען און וואַרשטאַטען האָט מען געאַרבייט און ערגעץ איז די רוה נישט געשטערט געוואָרען.

אויך אין דעם גאַנצען לאָדזער פאַבריק-ראַיאָן איז דער ערשטער מאַי אַריבער גאַנץ רוהיג און ערגעץ זענען קיין גרעסערע שטרייקען נישט פאָרגעקומען.

בלויז אין וואַרשוי זענען צוליעב'ן ערשטען מאַי פאָרגעקומען גרעסערע שטרייקען, אַזוי האָבען פרייטאָג געהאַט געשטרייקט 15000 אַרבייטער אויף פערשיעדענע פאַבריקען און נעכטען אָוונד האָט שוין די צאָהל דערגרייכט ביז 25000 אַרבייטער.

## פון האַנדוועקער-קלוב.

דינסטאָג דעם 5-טען מאַי, 9 אַ זייגער אין אָוונד וועט אין לאָקאַל פון קלוב פאָרקומען אַ בעראַטונג פון די היטעלמאַכערס און קירזשנערס וועגען וויכטיגע פאַך-אַנגעלעגענהייטען און וועגען גרינדען אַ פאַך-סעקציאָן ביים קלוב, כדי צו בעשיצען די אינטערעסען פון פאַך. עס איז זעהר ווינשענסווערט, אַז אַלע היטעלמאַכערס און קירזשנערס זאָלען קומען צאָהלרייך צו דער בעראַטונג.

— מיטוואָך, דעם 6-טען מאַי, וועט אין קלוב פאָרקומען אַ צווייטע בעראַטונג פון די בלעכערס וועגען דעם קאָאָפּעראַטיוו אויך וועגען גרינדען אַ סעקציע פון בלעכער-פאַך ביים קלוב.

— די פראַגע פון די טעכנישע קורסען פאַר די האַנדוועקער און לעהריונגלעך איז איינע פון די אַקטועלסטע און עס איז שוין די העכסטע צייט זיך צו נעהמען זי פּראַקטיש צו פערווירקליכען. צו דעם צוועק איז קודם כל נויטיג, אַז די האַנדוועקער, וועלכע ווילען אַליין אַנטייל נעהמען אין די אָוונד-קורסען, אָדער שיקען אהין זייערע לעהריונגלעך זאָלען זיך מעלדען אין קלוב יעדען אָוונט פון 9 אַ זייגער, וואו מען וועט זיי געבען אַלע נויטיגע ידיעות וועגען דער זאַך און מען וועט זיי אַריינטראַגען אין דער ליסטע.

## די בית-המקדש-אויסשטעלונג

די אויסשטעלונג פון בית-המקדש-מאָדעל, וואָס איז נישט לאַנג געעפענט געוואָרען אין „נאָהיטע"-זאַל (וואָלטשאַנסקא 5) רופט וואָס ווייטער אַרוים אַלץ אַ גרעסערן אינטערעס און דער בעזוך ווערט אַ לעבהאַפטער.

און ווירקליך, איז דער בעזוך אויף דער אויסשטעלונג נאָר צו רעקאָמענדירען.

ה' ה. וויינטרויב, וועלכער האָט אין משך פון איינינע יאָהר געאַרבייט איבער דאָס ראַזינע קונסט-ווערק, האָט ווירקליך אויסגעאַרבייט עטוואָס קינסטלערישעס אין יעדער הינזיכט.

דער מאָדעל פון בית המקדש, וועלכער פערנעהמט אַ גאַנץ היבשען רוים און איז געגעבען אויסגעאַרבייט, איז אויסגעפיהרט געוואָרען מיט דער גרעסטער זאָרגפאַלט און פּינקטליכקייט און עס איז פשוט צו בעוואונדערן, ווי עס קומט צו ה' וו. אַזאַ זין פאַר קונסט.

## אַ נייע יודישע קרעדיט-געז.

די פאַריגע וואָך האָט אָנגעהויבען איהר טעטיגקייט די נייע יודישע קרעדיט-געזעלשאַפט (פעטריקויער 27). די געזעלשאַפט גיט אַרוים הלואות ביז 300 רובל, נעהמט אָן איינלאַגען און אַלערליי שפּאָר-געלדער און נדן-געלדער אויף שלישות'ן און פיהרט אויס בכלל אַלע געלד-אָפּעראַציעס פון אַן'אַנגעזעהענער קרעדיט-באַנק אויף די בעסטע בעדינגונגען. ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז די געזעלשאַפט גיט אַרוים הלואות אָהן דער איינצאָהלונג פון אַ פּאַי. ס'איז צו ערוואַרטען, אַז די נייע קרעדיט-געזעלשאַפט וועט פיעל מיטווירקען צו פערבעסערן דעם מצב פון די לאָדזער יודישע קליין-הענדלער און בעלי-מלאכות

## וועגען ברוקירען די גאַסען.

(ג) אונטער'ן פאָריץ פון שטאָדט-פּרעזידענט איז דאָנערשטאָג אין אָוונד אין מאַגיסטראַט פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די ראַטמענער און שטאָדט-אינזשענערען, אויף וועלכער ס'איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען איבערברוקירען די לאָדזער גאַסען. די פערזאַמלעטע האָבען זיך גאַנץ בעזונדערס בעשעפטיגט מיט'ן אַבזאַג פון מיניסטעריום צו ערלויבען צו אַסיגנירען פון דער שטאָדט-קאַסע אַ מיליאָן רובל אויף איבערברוקירען די שטאָדט-גאַסען. די פערזאַמלעטע האָבען דעריבער בעשלאָסען זיך צו ווענדען אין מיניסטעריום מיט אַ ביטע וועגען ערלויבען צו אַסיגנירען אויפ'ן אויבענדערמאָנטען צוועק אַ קלענערע סומע.

## פערשיעדענעס.

— ווי מיר דערוויסען זיך פון אַ זיכערער קוועלע, האָבען אַלע קלאַנגען, אַז דער פעטריקאָווער גובערנאַטאָר נעהמט אַראָב פון זיין אַמט קיין שום גרונד נישט; ער וועט אויך ווייטער בלייבען אויף זיין ביז איצטיגען אַמט.

— די לאָדזער דאָקטוירים-געזעלשאַפט האָט בעשלאָסען אָנצוגעהמען מיטלען צו קעמפפען געגען פערשיעדענע זנאַכערס, וואָס האָבען זיך פערמעהרט אין לאָדז.

— דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום האָט בעשטעטיגט דעם אוסטאַוו פון אַ נענענזייטיגער לאַנדווירטשאַפטליך-אינדוסטריעלע קרעדיט-געזעלשאַפט אין לאָדז.

— אין לאָדז וויילט איצט דער נייער ראַיאָן-אינספּעקטאָר פון די האַנדעלס-שולען, גאַלאָבודזקי, וועלכער האָט שוין בעזוכט פיעל היעזיגע לעהר-אַנשטאַלטען.

— נעכטען אין דער פריה איז דער שטאָדט-פרעזידענט אַרויסגעפאָהרען אין דיענסט-אַנגעלעגענהייטען קיין פעטריקאָוו

— אַ געוויסער ישראל פּיינענבוים איז בעשטראָפט געוואָרען מיט 25 ר' אָדער 7 טעג אַרעסט פאַר'ן פערקויפען בילעטען אויסצופלעטען אַן'אונלעגאַל בוך.

— נעכטען אַרום 1 אַ זייגער ביי טאָג האָט מען אין אונזער שטאָדט אָנגעמאַכט אַ וואַרימען פריהלינגס-וועטער נעהאָט אַ שניי און אַ האָגעל.

— עס האָט זיך פערמאַכט די היעזיגע פיליע פון דער פעטערבורגער פירמע „סאַמאָרודניק".

— (ג) כדי צו פערשטאַרקען די פערמיינס-קאַסע אָרדנעט דער ראַדאָגאָשטשער „בקור חולים" איין אין גרויסען טעאַטער אַ פאָרשטעלונג דעם 13-טען מאַי.

## די גענעראַל-פערזאַמלונג פון יודישען „דאַבראָטשינאַמטש".

(ג) נעכטען אין אָוונט איז אין איינענעם לאָקאַל פון יודישען „דאַבראָטשינאָמטש" (זאַכאָדניאַ 20) אונטער'ן פאָריץ פון אַדוואָקאַט אַדאָלף קאָהן פאָרגעקומען די יעהרליכע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער. די וואַהלען האָבען געגעבען פאָלגענדע רעזולטאַטען: אין דער פערוואַלטונג זענען ווידער געוועהלט געוואָרען די ה"ה ש. ראָזענבלאַט, סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי, ד"ר יוזעף זאַקס, ד"ר מ. פרוידע און מויריצי הערץ, אויפ'ן אָרט פון די פערשטאָרבענע פערוואַלטונגס-מיטגלידער אַדוואָקאַט מיכאל קאָהן און אינזשענער פּאַוועל הערץ זענען געוועהלט געוואָרען די ה"ח אַדוואָקאַט אַדאָלף קאָהן און הענריק באַרטשינסקי. אין רעוויזיאָנס-קאָמיסיע זענען אויין די ה"ה אַרטור נאָלרשטאַדט, אַדאָלף בוים און איזידאָר מושקאַט, אַלס קאַנדידאַטען די ה"ה מאַקסימיליאַן קאָנינסקי און יוזעף זאַקס. אויספיהרליכער—מאָרגען.

## פון „חסד של אמת".

מאָרגען, מאָנטאָג 10 אַ זייגער אין דער פריה וועט אין לאָקאַל פון „חסד של אמת" (פּאָלודניאָווא 22) פאָרקומען אַן'הזכרה נאָכ'ן פערשטאָרבענעם פרעזעס פון דעם פעראיין, ר' יעקב וואַרכיוועקער ז"ל.

## די רעוויזיע אין די סאַראַוואַסער-פאַבריקען.

ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, איז בעשטימט געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו מאַכען רעוויזיעס אין די סאַראַוואַסער-פאַבריקען. די רעוויזיעס זענען פאָרגעקומען און מען האָט גענומען פון אַלע פאַבריקען פראָבעס פון דעם סאָדאַ-וואַסער. פון די אַנאַליזען, וואָס דאָס שטאָדטישע לאַבאָראַטאָריום האָט געמאַכט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויף דעם גרעסטען טייל פאַבריקען האָט דאָס וואַסער שפּורען פון קופּער און בליי, וויל מען האַלט דאָס וואַסער אין באַלאָנען פון אַ צוזאַמענמישונג פון צין און בליי. די ספּעציעלע קאָמיסיע האָט בעשלאָסען די שולדיגע סאָדאַ-פאַבריקאַנטען אַנצוקלאָגען אין געריכט.

## איבערגעפאָהרען דורכ'ן טראַמוואַי.

(ג) נעכטען אַרום 6 אַ זייגער פאַר נאַכט האָט אויף זגערזשער 10, דער טראַמוואַי איבערגעפאָהרען דאָס 6 יאָהריגע יונגעל משה מאַטעלקאָוויטש. אַ שווער פערוואונדעטען האָט מען דאָס יונגעל אַרויסגענומען פון אונטער'ן טראַמוואַי און דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר פון פאַגאָטאָוויע האָט איהם ערטיילט די ערשטע הילף און אין אַ האָפנונגסלאָזען צושטאַנד איהם אָבגעפיהרט אין פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל.

# די פראַווינץ.

**בושעשון.**

די היגע האַנדוועקער זענען אויך שוין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נאָר אַ פעראייניגטע קראַפט איז דאָס איינציגע מיטעל אויסצובעסערן די לאַגע. אַזוי האָט זיך, ווי בעוואוסט, מיט עטליכע חדשים צוריק געעפענט אַ שניידער-מייסטער-„פעראיין", וועלכער ענטוויקעלט זיך זעהר גוט. דער פעראיין פיהרט אַ שטאַרקע טעטיגקייט און קומט צו הילף איהרע מיטגלידער ביי יעדע געלעגענהייט. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די צאָהל מיטגלידער ווערט פערגרעסערט מיט יעדען טאָג. מיט דעם זעלבען צוועק האָט זיך די טעג דאָ געעפענט אַ טישלער-אַרבייטער-אַרטעל, וועלכער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע אויפ'ן שותפות'דיגען אופן אויסצואַרבייטען פערשיעדענע טישלער-אַרבייטען.

— די היגע יודישע שפּאָר-און לייה-קאַסע האָט שוין צום 2-טען מאָל פערקלענערט דעם „פּאַי": דער מיטגליעדער וואָס נעהמט אַן'הלואה 100 רובל דאַרף זיין פּאַי בעטרעפען נישט מעהר ווי 2 רובל. ס'פערשטעהט זיך, אַז פאַר די מיטגליעדער איז עס אַ גרויסע הנחה.

ישראליק.

רעדאַקטאָר: י. אונגער.
ארויסגעבער: ע. האַמבורסקי. א. טענענבוים.

גרויסעם טעאַטער — דירי. י. זאַנדבערג.
היינט זונטאָג פאָרלעצטע גאַסטראָלען פונ'ם בעוואוסטען דראַמאַטישען שוישפּ. דעם גרויסען קינסטלער אַמעריקאַנער סטאַר
מר. עליאַס ראַטשטיין
מיט'ן אַנסאַמבל פון די בעסטע קרעפטען פון אונזער אַנסאַמבל מיט דער בעוואוסטער דראַמאַטישער שוישפּילערין
מיסס פעני בלומענטהאַל — אין דער שפּיל
הערט אויסגעפיהרט צום דריטען מאָל די נייעסטע שפּאַנענדע דראַמאַ פונ'ם בעוואוסטען אַמעריקאַנער דראַמאַטורג. ו. קאָרנבלום
דאָס געטליכע ליעד
הויפּטראָלען: בארים אליאַנאָר אַ פלעטיסט—אונזער ליעבער גאַסט מר. עליאַס ראַטשטיין
בעלאַ אַ פּרעסטעקערין—מיס פעני בלומענטהאַל.
אויספיהרליכעס אין די פּראָגראַמען.
מאָרגען מאָנטאָג 27-טע פּאָפּולערע פאָרשטעלונג פאַר'ן האַנדוועקער-קלוב, גאַסטשפּיעל ד. גרויסען קינסטל. אַמעריקאַן סטאַר מר. עליאַס ראַטשטיין. בילעטען ביי זעהר בילינע פּרייזען בעקומט מען פון היינט ביז מאָנטאָג 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג ביי ה' ליקירמאַן דזשעלנאַ 2 № 2 און אין קלוב זאַמאַרזקאַ № 5
אַנאָנס: אַ זעלטען גאַסט אין גרויסען טהעאַטער, די איינציגע בעסטע דראַמאַטישע שוישפּילערין מיסס מאַלווינאַ לאָבעל קומט די טעג צו פאָהרען אויס אַמעריקאַ און וועט געבען אַ רייהע גאַסטראָלען ביי אונז אין טהעאַטער.

נייע
דאַך-פּאַפּע-פאַבריק
מיט איינענער באַהן-אַנשלוס
מ. י. שאַרף, קאָנסטאַנטינער 113
Telefon 36-33 טעלעפאָן
עמפּפעהלט צו בילינע פּרייזען פּרימאַ אַספאַלט-דאַך-פּאַפּע. פאַבריצירט אויס ערשטקלאַסיגע אויסלענדישע מאַטעריאַל ווי אויך שטיינקויהלען-טעער און קלעבעמאַסע.
855

SFINKS
לאָזט נישט אַרורך די לעצטע געלעגענהייט צו זעהען דאָס גרויסאַרטיגע בילד
דאָס לעבען פון די יודען אין ארץ-ישראל
צו בילינע פּרייזען.

## סקאלא-טעאטער

דירעקציאן יוליוס אדלער און ה. סיעראצקי
ציגעלשטר. 18, טעלעפאן 15-04.

היינט זונטאג 9 א זייגער צום צווייטען אויפטריט פון דער לאנדאנער דראמאטישער שוישפילערין מיסס **ראזא ברין**, וועט אויפגעפיהרט ווערען צום 2-טען מאל דאס בעוואוסטע מייסטערווערק פון וואקסמאן אין 3 אקטען

# „דאס גאסען-מעדעל"

מיט אנטייל פרויען ברין, איזענבערג שושנה אונאנדרעע, הערהען סיעראצקי, גערשאנאוויטש אייזענבערג און אנדערע.

דאס שטיק האט אין אמעריקא ארויסגערופען דעם גרעסטען ערפאלג און איז נעשפ. געוו. א גאנצען סעזאן נאך דער רייהע ביי פולגעפאקטע הייזער; דאס שטיק האט זעהר א אינטערעסאנטען אינהאלט און מאכט אויף די צושויער דעם בעסטען איינדרוק.



קאנצערט-זאל דזיעלנא 18 קאנצערט-זאל דזיעלנא 18

# ענדליך וועט אויך לאדז האבען

## די מעגליכקייט צו זעהען דאס ערשיטערנדע לעבענס-בילד

# „די שטיפמוטער"

## א דראמע פון לאדזער יודישען לעבען אין 4 טיילען.

וועלכעס געהט זייט 4 וואכען אין ווארשויער קינעמאטאגראף מיט זעלטענעם ערפאלג.
דער אינהאלט פון דער דראמע, וועלכע איז יעדען לאדזער גוט בעקאנט, איז אזוי שפאנענד, דאס עס ריהרט יעדען מענש ביז צו טרעהרען. דאס בילד, וועלכעס איז אויסגעפיהרט פון די בעסטע יודישע ארטיסטישע קרעפטען, וועט אויסגעפיהרט ווערען טעגליך פון 6 אוהר אבענדס.

**צו דעם בילד איז צוגעפאסט אספעציעלע יודישע מוזיק.**

אויף פערלאנג פון פובליקום האט די דירעקציע איינגעריכטעט, אז די אויפש-יפטען זאל זיין אויך אויף יודיש. לעזט די רעצענזיע וועגען „שטיפמוטער" אין ווארשויער יודישע בלעטער.



## ווארשויער צירק A. Ciniselli אויפ'ן טארגאווי רינעק.

### היינט זונטאג 2 גאלא-פארשטעלונגען 2

3 א זייגער נאכמיטאג און האלב 9 אין אווענד. אין ביידע פארשטעלונגען דאסזעלבע פראגראם: גאסטראל פון די ליעבלינגע פון פובליקום „בים-באם". 2-טע אויפטריט פון די פראפעסארען „סאל זאלע" מיט די מאדערנסטע טענץ. צום פערלעצטען מאל „דער לוכטינער גארניזאן" קאמישע באל-ט-פאנטאמימע, רעביוט פון דער בעריהמטען פראנקלין-טרופע „די פליהענדע מענשען", און נאך אנד.

די קאסע איז אפען פון 11 ביז 2 און פון 5 אוהר נאכמיטאגס.



### גאלאנטע-יעווארען
און מאנופאקטורוואארען צו בילינע פרייזען ווערען טעגליך צוליעב ליקווידאציע צו פערקויפען. ארטע ווראנוסקא № 47 אין גאלאנטערעי-לאדען. 92 814

### מיכטיגע האנד-ניי'ער
צו הויזען, ווי אויך א לערן-יונגע, הע... כער קען עטוואס נייען ווערען געזוכט בייס בעוואוסטען הויזען-שניידער ש. פינקעלשטיין דזיעלנא 31. 724 2 2

### א גארבעריי אין פאביאניץ
מיט פאלשטענדיגע אײנריכטונג איז צו פערקויפען אדער צו פערפאכטען, צו ערפאהרען נאוואמיעיסקא 30 ביי י. מאלמאן, 31 857

**מוזיק.** נעהמע אן בעלדער זייער פון 3 ביז 20 מוזיקאנטען. נעהמע אויך אן אויסערהערטס, ווי אויך אונטעריכט. אלעס צו מעסיגע פרייזען. ש. וו. לעווקאוויטש, זאוואדזקא 19 ו. 9. 51 66

**Ein Jungerman**
der hier Fremd ist sucht bei Deutschen Familie anschluss mit Kost und Logi. Offerten an „Lodzer Tageblatt" unter „100". 856

## טאנץ-זאל
752 מיט דעפעלטליכט
18×37 פיר פער-איין און א זאל 8×37 (אויבע-ליכט) מיט עלעקטרישער אנשלוס נעאייגנעט פיר העכערע, שרייב-ציר קערע א, ז, ה, אויך א זאל 8×14 צו פערמיעטען זאלארניע 26 צו ערפאהרען ביי ראזענבערג, פילנאצנא 11.

### צו פערמיעטען
פערשיעדענע וואהנונגען פון 4 3 2 צימער עם קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען צו מעסיגע פרייזען שרעדניע 91 עקע ... גיסטראצע צו ערפאהרען ביים ווירט. 758 6 2

### שטיקערינס
און ארבייטערין אויף צעקעל-מאשין, ווערד נעזוכט, נאוואמיעיסקא 4 ו. 48. 828

### 2 דזשערנאניע מאשין
ווירד געזוכט צו קויפען. אפערטען ביט פרייז-אנגאבע אבצוגעבען אין „לאדזער טאגעבלאט" פיר „150". 869

### געזעלען צו שאכטעל
ווי אויך לערן-יונגע ווערען געזוכט ביי לוקסענבערג, קאנסטאנטינער 59. 867

### דאמסקע און מענסקע געזעלען
ווי אויך רעק-נעהערינס ווערען געבראוכט, שרעדניע 13 ביי פעסנפאס. 866

### מעדלעך וועש צו נייען
ווערען געזוכט ביי בראמענפעלד ווידזעווסקא № 19 ווי אויך ארויסצוגעבען צו נייען פערהעמדען און מאנושעטען. 869

**א** מעדעל וואס קען גוט וואשען זעקען אויף אנויבערלאק צו זעהר גוטען פערדינסט קען זיך מעלדען קאמיע... שטר. 16 וואהנ. 7. 832

**א** פוליער ארבייטער צו פערקויפען א איינגעארדנעטע פאבריק פון נייע ראשעל-גאללאן- אונד קלייפפערטאשינען. עס קען אויך זיין אויף ענצעל. ווארשוי, בילגא 37 וואהנ. 808



## זעלטענער אויספערקויף פון מוד- עט קארד-וואר-ען

ווענען אומבוי פון געשעפטס-לאקאל פערקויף איך אוים זעמטליכע מאדערנסטע אין- עט אויסלענדישע וואר-ען צו זעהר בילינע פרייזען.

פיר אנגעשטעלטע אויסנאהמס-פרייז.

# וו. גראסמאן
## 1 דזיעלנא שטר. 1
5517

## מיין טאנץ-שולע
5 ZAWADZKA 5
איז איבערטראגען אויף זאוואדזקא 5 און עס ווערט שוין געטאנצט.
שילער און שילערינען ווערען אנגענומען.
בעמערקונג. זאנטאג ספעציעל פיר יודישע געזעלשאפט. שילער אונד שילערין קענען זיך מעלדען. מיט האכאכטונג ד. פריעדוואלד.

# אדוואקאט
## נ. ווינבערג
### 77 דלוגא 77
שפרעכשט. 8—11 פריה און 2—10 אבענד. 5006
א. אויך טיליטערואצען און אלער ארט שתדלנות אין אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.

## Преподаватель русскаго языка б. курсовъ Берлица
И. Красницкій даетъ уроки у себя и у учен. на дому. Исправленіе малоуспѣшныхъ, приготовленіе къ экзаменамъ на званіе. Долголѣтняя практика по методу Берлица и предметамъ гимназическаго курса. Видѣть: 10—12 ч. у. 6—8 ч. веч. Константиновская 46, кв. 8. 753 2 2

## פוסבאדענברעטער
726 4 3
פון פאריעהריגען ווינטערשייט אין אלע לענגען צו בעקומען ביי מ. באראוויעצקי עט זעהנע, ברזעזינער 8, טעלעפאן 16-81.

### זומערוואהנונג
סטאציאן קוואסט ביי קאלי אין א טרוקענע געזונדע געגענד, וואלד, מיט וואסערליי-טונג אויך בארעצימער, 5 מינוט פון טראמ-וואי, זאפארט צו פערמיעטען. צו ערפא-רען חסבאדניע 18 ביי האמער. 667 6 6

### מעבעל
861
שלאפצימער: בעטען, מאטראצען, גארדע-ראבען, וואש-טיש אונד נאכט-טיש, שפיגעל. צימער: קרעדענס, אטאמאנע, טיש, שטיהלע וואנד-אוהר. סאלאן-מעבעל: אטאגאניע קא-בינעט. סקווערנאיא שטר. 5 וואהנונג 9.

**א**יך מאך בעקאנט די געעהרטע דאמען, דאס פון 1 אפריל איז מיין דאמען-אטעליער איבערגעטראגען געווארען אויף קאנסטאנטינער 30. מעדלעך צו קליידער-ארבייט קענען זיך מעלדען. אכטונג 855 ז. דויטשמאן.

### 2 וואהנונגען
870
צו 4 צימער עט קיכע מיט בעקוועמליכקייטען אויף צעגעלניאנא 23, ווי אויך איין לאדען אונד פערשיעדענע וואהנונגען מיט בעקוועמליכקייטען אויף פעטריקויער 294 (ביי נימער'ן) צו פערמיעטען. צו ערפאהרען ביי ה' ווינער, נאוויאמיעיסקא 17.

### א שיקיונגע
ווערט געזוכט אין דער שולע פון י. גאלדבערג, צעגעלניאנא 59. 864

### אין סקלאד אפטעטשנע
10 זאוואדזקא 10 9949
בעקומט מען א וויכערעס מיטעל געגען פערשטאפונג, איין גוטעס מיטעל געגען נערווען און מענער-שוועכע, פלאסטער פאר פרויען, וועלכע ליידען אין פערהערטונג דער ברוסטען און געשוויר, זיך זעלבסט צו קורירען. א וויכערעס מיטעל געגען היגער-אויגען ווי אויך געגען שמיטצען פון פיס און הענד, א גוטעס מיטעל געגען ווערעם און מאטען צו פערטיליגען. אויס'ם לאנגער אימער פרישע אויסלענדישע חמערן אלע ווארטען בילינ. טעגליך פרישען קעפיר צו קורירען. אויך גוטע געפאסטע אויסלענדישע בוילבאינדען און גוטע געפאסטע ברוכבענדער צו בעקומען ביי וואלמאן זאוואדזקא 10

### אין סקלאד אפטעטשנע
עמפפעהלט פיר גאנצען ווינטער פרישען טראן. קינדער, וועלכע פערטראגען נישט קען טראן ווירד דורך איין שמאקהאפטיגעס מיטעל ערזעצט.

### וויכטיג פאר יודישע טעאטערס!
איך נעהם אן דראמאטישע איבערזעצונגען אויס אלע אייראפעאישע ליטעראטורען, ואחי אומארבייטונגען („פעריודישען") פון דראמאטישע ווערק פאר די יודישע סצענע.
Адресъ: Лодзь Центр. почта, Предъяв. насъ № 256/1901.
3 2 791



אין דער
**Частное женское училище**
פון א. עדעלשטיין
אויף אלעקסאנדריסקא (מרדכי גבאי'ס) גאס № 34 ווערען שילערינען פון 6 יאהר אן טעגליך אנגענאמען. 663 3 3

### עלעגאנטע וואוינונגען
3 צימער אונד קיכע 4 צימער אונד קיכע מיט אלע בעקוועמליכקייטען ווי אויך גאז אונד עלעקטרישע בעלייכטונג פון 1 (14) יולי 1914 פרייזווערט צו פערמיעטען צו ערפאהרען סקווערנאיא שטראסע № 6 ביים ווירט. 4 2 5520

ראוטיניערטער בילאנצפעהיגער
### בוכהאלטער
אין 3 לאנדעשפראכען פלאטער קארעס-פאנדענט וועלט שטונדענווייזע בעשעפטיגונג אין איינפיהרען, אבשליסען פון ביכער אדער אויסשליסליכער קארעספאנדענץ צו מעסיגע פרייזען, שטרענגסטע דיסקרעציאן צו-געזיכערט. געפעל. אפערטען אין דער אדמ, אונטער F. G. M, ערבעטען. 724 33

איך זוכע איין קאנטאר-איינריכטונג אים גוטען צושטאנדע צו קויפען. אפער-טען אין דער עקספעדיציאן דיעזעס בלא-טעס אבצוגעבען אונטער ליט. "J. N. 10" 747 3 3

### איין ענערגישער יונגער קויפמאן
בעזיצט גוטע רעפערענצען איזט אויך קרעדיטפעהיג מיט איינינע טויזענד רובל קאסא, זוכט א געשעפט אדער אלס קאמ-פאניאן זיך צו בעטייליגען, אפערטען אב-צוגעבען אונטער № 250 B. B. 754

**Шейндель Зильберберг**
потеряла свой паспортъ, выдан. гм. Злочевъ, Сѣрадзкаго уѣзда, Калиш. губ. Отдать въ полицію. 3 3 763

**Эльисбета Станиславовна Маршалъ**
потеряла свой паспортъ, выдан. Войт. гм. Козоминекъ Калишской губ. Отдать въ полицію. 774

**Рывка Лая Ицковна Ножице**
потеряла свой паспортъ, выдан. Магистратомъ гор. Пинчовъ, за № 258. Отдать въ полицію. 775 3 2

Утерина членская квитанія, выданная Озорковскимъ Общест. Взаимнаго. Кредита 23 мая 1910. на Руб. 100, за № 57 на имя Вольфа Парисенчевскаго. Нашедшаго прошу возвратить таковую квитанцію мнѣ въ Озорковъ. 777 3 2

**Лейбушъ Гринграсъ**
потерялъ свой паспортъ, выдан. магистр. гор. Сташева, Рад. губ. Отдать въ полицію. 789

**Давидъ Шаферъ**
потерялъ свой паспортъ, выдан. мѣст. мѣщанской старостой Коритницкой Владимиръ, Волинск. уѣзда. Отдать въ полицію. 799

בית מסחרי של בתים תפילין ומזוזות ... וגם פארטעט פרים... איז צו בעקומען פערשיעדענע פארטען עץ החיים'ס מיט טענעליך און ס"ת אלעם כשר און במקח חשוה. אברהם שמואל ליפשיץ, נאוואמיעיסקא 30. 826 3 2

### ערפינדונגען,
וועלכע קענען פראקטיש פערווענדעט ווערען זוכט Theune & Co., Berlin S. W. 48 Friedrichstr. 249.
קארעספאנדענץ אין דער דייטשער, ענג-לישער און פראנצויזישער שפראכע. אויסקינפטע קאסטענלאז. 5487

פאבריקען אומצוג צו פערקויפען פריזא נעהמאשינען צום קאסטען פרייז, פעטריקויער 165 אין לאדען. 5 6 704



מאנופאקטור-פאבריק [illegible] 717 4 4

לאדען מיט וואהנונג [illegible] 710 3 3

דאקטאר עלמאנאן פאלודניאווא 7 [illegible] 566 10 5



# A. O. Teschich & Co

(Inhaber A. O. Teschich und Paul Kessler)

Lodz, Widzewskastrasse Nr. 62, Lodz.

empfehlen:

**Beste inländische Stein-Kohlen** für Fabriks- und Hausbedarf. **Zabrzer Stück, Würfel I, Würfel II u. Nuss-Koks,** vorzüglich geeignet für Central-Heizungs-, Sauggasmotor-Anlagen und Schmiede-Zwecke, **Portland-Cement, in- und ausl. Chamottesteine, Chamottemehl, Terracottaplatten, glasierte Platten für Wandverkleidungen, Zinkblech, Teer-Asphalt, Goudron, Klebemasse** etc. etc.

**Ausführung v. Asphaltirungs-Arbeiten, Terracottafussboden- u. Wandverkleidungs-Belag.**

Wir machen die Herren Interessenten ganz besonders auf unsere vorzügliche, aus nur erstkl. Rohmaterialen, nach unserem eigenen verbesserten Verfahren hergestellte

## Asphalt-Dachpappe „Bitum" sowie
## Asphalt-Pappe „Bitum" ohne Sand

prämiert mit goldenen u. silbernen Medaillen, aufmerksam.

Jede Rolle Asphalt-Dachpappe unserer Fabrikation ist mit Plombe u. nebenstehendem gesetzlich geschütztem Waren-Zeichen versehen, worauf wir zu achten bitten.
5485 6

דער פעראיין „לינת אורחים", ווידזעווסקא 73 וועלכער איז נעגרינדעט אויפ'ן נאמען פון משה דוד שעפנער ז"ל, מאכט בעקאנט, אז צום יאהרצייט פון'ם פערשטארבענעם, וועט היינט זונטאג דעם 3-טען, מאנטאג דעם 4-טען און דינסטאג דעם 5-טען מאי פארקומען אין פעראיינס-לאקאל

# א סיום הספר,

פון 3 ביז 10 אבענדס וועט פארקומען דאס שרייבען, פון די אותיות און דאס נעמען פון די יריעות. מיטוואך דעם 6-טען מאי וועט פארקומען דער

## חנוך הספר

צו וועלכען עס ווערען איינגעלאדענט אלע מיטגלידער ווי אויך ניט מיטגלידער. די פערוואלטונג פון „לינת אורחים".

בעמערקונג: דאס נעמען די יריעות פיר פרויען וועט פארקומען טעגליך פון 3 ביז 7 אבענדס.
524



פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט
## דר. לעווקאוויטש
חויט ווענערישע בלאזען-ליידען אונד מענער שוואכע. ביי סיפיליס 914—606 טריפער - היילונג אהן שפריצקאנאלען לויט א נייע מעטהאדע) קאנסטאנטי-נער שטר. 12 נעבען זעלינגס שטאטער שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8 נאכמ. דאמען פון 5—6.

## דר. ל. פריבולסקי
פאלודניאווא 2. טעל. 13-59.
ספעציאל-ארצט פיר הויט, ווענערישע אור, האאר-קראנקהייטען עט מענער-שוואכע, אויף קאסמעטישע פאלגען. בעהאנדלונג פון סיפיליס נאך עהרליך האטא 606= 914 אהנע בערופס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריזיטעט אונד וויבראציאנס-מאסאזש. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאמען 5—6 בעזונדער ווארטעצימער.

### גוטע מיטאגע
צו 25 און 30 ק. בעקומט מען וואלטשאנסקא שטר. 27. 675 5 4

## ד"ר טראכטענהערץ
## Dr. Trachtenherz
זאוואדזקא 6. טעל. 84-76
געוו. אססיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעלע, ספעציאל-ארצט פיר סיפיליס הויט ווענע-רישע קראנקהייטען אונד מענערשוואכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606— 914 היילונג מיט עלעקטריציטעט, שפרעכשטונדען פון 8—2 און 6—9 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע ווארטע-צימער. 1468

## Dr. B. Rejt
שרעדניא 5 — טעלעפאן 38-79.
ספעציאליסט אויף קראנקהייטען: הויט, האר, ווענערישע, געשלעכטס און ערצט-ליכע קאסמעטיק. היילונג פון סיפיליס מיט סאלווארסאן עהרליך האטא 606 און 914. היילונג מיט עלעקטריק, עלעקטראמעטן (ענטפערנונג פון האר), בעלויכטונג פון קאנאל (אורעטראסקאפיע). עמפפאנג פון 9 ביז האלב 12 און פון 5—8. זונטאג און פייערטאגען פון 10—2. פאר דאמען א בעזונדער ווארטע-צימער. 5416

## ד"ר זילבערשטראם
## Dr. J. Silberstrom
ארדינ. אים שפיטאל. פון רויטען-קרייץ
### 12 זאוואדזקא 12
חויט געשלעכטס אונד ווענערישע קראנקהייטען. (בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא 914—606) ערצטליכע קאסמעטיק. (ענטפערנונג לעבערפלעקען, הארע, פלעקען א. ז. וו.). 12—2½ 5—8 זאנטאגס 11—4

### צאהנערצטליכער קאבינעט
**Dr. Med. Zacharow** 5182
(געוו. פערוואלטער און לעקטאר פון א צאהנ-ערצטליכע שולע). ספעציאליטעט: מונד-חירורגיע צאהן-קראנקהייטען און קינסטליכע ציינער. פעטריקויער שטר. 79. עמפפאנג פון ½9—2 און פון 4—6.

### א שעהנע קליין קאמער
אין געפונען נעקוויק, אבצוגעבען בזשע-זינער 4 № 4 ביים סטרוזש נעגען אנגעס. קאסטען.


Тип. М. Гамбурскій и Ко., Лодзь, Петр. 16.

Редакторы: И. Угоръ. Издатели: Э. Гамбурскій, А. Теппенбаумъ